ב"ה (בעזרת השם) יום ב' שופטים ושוטרים תרפ"ט. [2 ספטמבר 1929]. תל אביב תובב"א [תיבנה ותיכונן במהרה בימינו אמן]

מיינע ליבע קינדער שיחיו שליט"א [שיחיו לאורך ימים טובים אמן],

נאך איידער איך פאנג אן צו שרייבען ציטערט מיר שוין מיין האנד אונד דער קאפף רוישט אונד יעדעס גליד טרייסעלט זיך. איך קען מיך אלליין ניכט בעהערשען דען אין דיא אויערן קלינגען נאך דיא געוויינען. הייטע איזט דא איין וואכע דאס מיר זענען צוריקגעקאמען פאן דען ביטערען אומגליק אונד יעדען טאג וויל איך אייך אלעס שרייבען, אונד ווען איך זעטץ מיך שרייבען ווערד מיר יעדעס אבר צעטרייסעלט אונד דיא אויגען גיסען מיר מיט טרעהרען, מוס איך סטאפען. נור היינט האב איך מיך צונויפגענעהמן מיט אללע כחות, איבערמענשליכע קרעפטען, בין אויפגעשטאננען כעלות השחר אונד נעם מיך שרייבען. נאך איידער איך האבע אנגעפאנגען צו שרייבען האבע איך בעגאסען דיא פעדער פאל מיט טרערען. זוגאר איך שרייבע דאכט זיך עס דאס איך שרייבע דען לעטטער מיט טינט, זאלט איהר אבער וויסען דאס איזט לויטער טרערען.

יעצט צום פוינט. איך ווייס אלליין ניכט פאן וועלכע זאך איך זאל אנפאנגען אונד וויא איך זאל אויסלאזען, ווייל דאס גאנצע בלוט אין מיר מישט זיך, נור איך וויל אנפאנגען מיט מגילת חברון. קינדערלאך, לויט איהר זענט בעקאנט וואס איך האב איך געהאט צופאר געשריבען, איזט דיא מאמי תחיה געוועזען זעהר שוואך ווייל דיא גאנצע צייט זייט מיר זעננען געקאמען פאן אמעריקא האט דיא מאמי תחיה ניכט גוט געפיהלט. אונד דאצו האט נאך מיטגעווירקט באלד דאס מופען אונד שווער ארבייטען, אונד דאצו וואר דאס הויז נאך ניכט פערטיג, האט זיא געהאט שטענדיג אויפרעגונג ווייל עס האט ניכט געקענט זיין וויאזויא זיא גלייכט, ועל כולם האט זיא ניכט געקענט איבערטרוגען דיא שרעקליכע היטצען. עס וואר שרעקליך, דאס שוויטצען וואר איבער מענשליכעס. זיא איזט שוין געלעהגען, זיא האט שוין

ניכט געקענט ארומגעהען פאר שוואכקייט. האבע איך באלד דיא מאמי תחיה געבעהטען מיט טרעהרען אין דיא אויגען מיר זאללען איבערבייטען דען קלימאט. אונד בשום אופן האבע איך ניכט געקענט בייא איהר ווירקען דען דיא האט ניכט געוואלט איבערלאססען דיא וואהנונג אויף הפקר. ביז דיא האט געזעהען עס איזט קיין ברירה, האט דיא איינגעוויליגט דאס דיא זאל פארדען אלליין, האט דיא ניכט געוואלט פארדען נאר מיט מיר. אלזא האט מען פערשלאססען דאס הויז אונד מען איזט געפאהרען אין קאנטרי. זענען מיר געפאהרען קיין חברון.

זאנטיג אם 18/8 [18 אוגוסט] זענען מיר געקאממען קיין חברון. דארטען זענען מיר פערפאהרען אין איין גאסטהויז אונד מיר האבען זיך גענאממען זעהר איין גוטען ציממער אונד באדינגען מיט קאסט. פיר דען ציממער האבען מיר בעצאהלט צופאר פיר איין מאנאט דען מיר האבען גערעכנעט דארטען צו שטעהען ביז אללע ימים טובים, ביז עס וויִרד קיהלער ווערען, דאס הייסט איינינגע מאנאט.

פאן אנפאנג אן איזט שוין ניכט גוט געוועזען. זוגאר דיא לופט וואר זעהר גוט, עס וואהר שוין קיהל אונד מאמי תחיה האט שוין ניכט געשוויצט, האט דיא מאמי איין שטארקען קאלד בעקאממען. איזט דיא געלעגען, אונד דאצו וואר דארטען פילע מאסקיטעס וועלכע עס האט שטארק געביססען. רק מען האט קיין ברירה ניכט געהאט. מען האט געמוסט האפפען אויף בעססערס. אבער ליידער עס איזט ניכט וויאזויא דער מענש דענקט, אונד קיינער ווייס ניכט וואס עס געהט איהם נאך.

שוין איין גאנצע צייט וואס מיר זענען געוועזען אין חברון האט מען שוין געהערט דאס אין ירושלים איזט אונרוהיג, מען שלאגט זיך אראבער מיט יודען. קיין קלאהרע תשובה האבען מיר ניכט געהאט אבער קלאנגען אין דיא לופטען האט זיך ארומגעטראגען. וואר ניכט פרייליך אויף הארצען, אבער וואס קענן מען זיך העלפען?

פרייטאג אם 23 האבען מיר שוין געהערט דאס אין ירושלים איזט שלעכט. איזט יעדער שוין געווארען שטארק אומרוהיג. מען איזט שוין ארומגעגאנגען אהנע איין קאפף. דאס הארץ האט שוין געזאגט עס קאמט שרעקליכעס אבער וואס האט מען נאטירליך ניכט געוואוסט. איך בין ארומגעגאנגען זעהר צושראקען אונד האבע אללעס געשפראכען מיט דיא דארטיגע מענשען וועלכע וואהנען דארטען דורות לאנג. האבען זייא מיר פערזיכערט דאס אין חברון קען קיין פאגראם ניכט זיין ווארום וויעפיעל צרות עס איזט שוין געוועזען אין ארץ ישראל אונד אין חברון ווער שטיל, ווייל דיא דארטיגע איינוואהנער לעהבען זעהר צופריעדען מיט דיא אראבער.

אבער מיין הארץ האט מיר געזאגט עס איזט שלעכט, ווייל חברון אלליין עקסטער דיא דערפער צעהלט 24,000, אונד מיט דיא דערפער ארום 60,000. וואס פיר איין וועהרט האט דארטען דער יודישער ישוב, 100 פאמיליעס רק? וואס קענן מען זיך העלפען? נור מען האט זיך אלליין געטרייסט אולי ירחם, פיליכט ווירד השי"ת רחמנות האבען אונד עס ווירד זיך אבלויפען שטיל.

פרייטאג נאכמיטאג וואר דיא לאגע ערגער. מען האט שוין געהערט דאס אין סטריט האבען שוין אראבער איינינגע יודען שטעקענס דערלאנגט. באלד הערט מען שוין דאס דיא יודישע געוועלבען האבען זיך אללע פערמאכט. דיא לופט וואר שוין מיט פולווער. יעדער איינער האט שוין מורא ארויסצוגעהען אין סטריט. מען פערשליסט זיך שוין אין צימער. אלזא עס איזט שלעכט. וואס טהיט מען? עס איזט אין יוצא ואין בא, מען ציטערט שוין. דיא היימישע יודען זאגען שוין עס איזט שלעכט.

באלד איין שטונדע צופאר לעכט בענטשען, פליטצינג ווערט איין געוואלטיגער רעש אונד איין בהלה. מען האקט שויבען. בייא אונס האט שוין אללע שויבען ארויסגעהאקט אונד גרויסע שטיינער ארייגעווארפען אין הויז, מען בעהאלט זיך שוין. אזויא האט מען בייא אללע יודען דיא שויבען

ציבראכען. מען לעהבט שוין מיט טאדט שרעק. דערווייל בענשט מען לעכט אונד מען הערט שוין דאס אין דער ישיבה האט מען שוין איין בחור געהארגעט. עס איזט ביטער, איין אנפאנג צו איין שחיטה.

דערווייל איזט אנגעקאממען פאליצייא אויף פערד אונד עס איזט שטיל געווארען. האט מען געמיינט עס איזט שוין איין ישועה. איין גאנצע נאכט האט דיא פאליצייא קאנטראלירט דיא גאססען אונד עס האט געשיינט עס איזט מיט זיי געפעהרליך. געוועהנליך דאס איך בין איין גאנצע נאכט ארומגעגאנגען מיט פאלל צער, האלטען דיא נשמה אין דער האנד. שבת אין דער פריה האט מען געזעהען עס האלט שלעכט, דען יעדע מינוט איז אללעס געפלויגען אטאמאבילן דורך דיא גאססען פאל מיט אראבער מיט לאנגע שפיזען, לאנגע מעססער, מיט העק, מיט דיא געשרייען דאס זייא פאהרען קיין ירושלים אויסקויהלען אללע יודען. באלד זענען זיך צונאויפגעקאמען פיעל יודען צו אונס. מען האט געהאלטען איין אסיפה אבער וואס קענן מען זיך העלפען דאס יעדער איזט ניכט בעוואפנעט? פיעלע יודען זענען איבערגעבליעבען מיט אונס דען צוריקגעהען וואר שוין מיט סכנה.

יעצט וועלל איך אייך בעשרייבען די טבוחי חברון, דאס הייסט דיא אויסגעשאכטינע פאן חברון. באלד נאך 8 הערט מען שוין געוואלדען. עס רייסען זיך שוין אריין אראבער אין יודישע היימען. דיא קולות זענען עד לב השמים. מיר ווייסען ניכט וואס צו טהון.

דאס הויז בעשטעהט פאו צוויי פלאר. מיר זענען געוויזען הינטען. אויף דען צווייטען פלאר וואהנט איין דאקטער. האבען מיר גערעכנעט דאס ביים דאקטער וועל מיר זיין זיכער. וואס טהוט מען? דיא שטיגען צום דאקטער זענען אין דרויסען. אין סטריט קענען מען ניכט געהען, האט מען דורך געהאקט איין וואנט אונד אזויא איזט מען ארויפגעקראכען אויווין צום דאקטערס וואהנונג.

הכלל מען איזט דארטען אביסעל, זעהט מען דאס דארטען איזט אויך שלעכט,

דהיינו מען איזט שוין באלד בייא אונזער הויז. דען דיא אראבער געהען אום פאן הויז צו הויז אונד מען שלאכטעט אויס יעדען איינעם. דיא יאממער, געשרייען זענען שרעקליך. מען שרייט העלפט, העלפט! וואס טהוט מען? באלד באלד זענען מיר אללע פערלארען. מיר ווארען 33 נפשים.

רק השי"ת מיט זיין גרויס רחמנות האט אונס צוגעשיקט איין אראבער וועלכער ער וואהנט אונטער אונזער הויז. האט ער בעפאללען דאס מיר זאללען אראבגעהען פאן דעם דאקטארס וואהנונג אונד מיט זיין הינטער טהיר ארייגגעהען צו איהם אין וואהנונג. ער האט אונס אבגעגעבען איין גרויס צימער אהנע פענסטער אין דרויסען. אזויא זעננען מיר אללע אהין אריין אונד ער נאך מיט עטליכע אראבירקעס זענען געשטאנען אין דרויסען בייא טהויער. מיר זענען געלעהגען דארטען אונד דיא געשרייען וואס מיר האבען געהערט וואס מען שלאכט יודען וואר גאר ניכט צום איבערטראגען, אונד מיר אלליין ווארען שטארק אין איין סכנה דען מיר אלליין האבען שוין ניכט גערעכנעט אויף צו לעהבען. יעדער איינער האט ווידה [וידוי] געזאגט אונד יעדער רגע ווארען מיר אויסגעשלאכטעט צו וועהרען, דען עס איזט שוין געלעהגען אויף אונזערע העלזער שווערדען פאן צוויי שארפען. עס וואר בייא אונס אפילו ניכט קיין איין חלק אפילו צו בלייבען. מיר האבען נאר געבעהטען עס זאלל שוין זיין פאריבער.

פינף מאהל האט מען אלס אונזער וואהנונג געשטארימט מיט העק. אונד דיא ווילדע רוצחים האבען אללע געשריעגען צו דיא אראבער וואס זייא זענען געשטאנען אויף דער וואך דאס מען זאלל זייא ארויסגעהבען דיא יודען. געוועהנליך האבען זייא געשריעגען דאס זייא האבען קיין יודען ניכט בעהאלטען אונד זייא וויסען פאן גאר ניכט אונד זייא בעהטען מען זאלל זייערע היימען ניכט חרוב מאכען.

אונד מיר הערען אללעס. אונד דאצו ווארען קליינע קינדער דאס וויינט, האבען מיר מורא דאס דיא גזלנים זאללען ניכט דערהערען, האבען מיר

מיטגעמאכט גוטע טאדטשרעק.

איך אלליין בין שוין געוועזען 99 פראצענט אויף יענער וועלט, דען דיא גאנצע צייט ביים ארבעטן בין איך געלעהגען אונד זיך געמיטשיט. גראדע עס וואר אין דער שטוב צוויי דוקטארים. זעננען זייא לעהבען מיר געזעססען אונד געריטעט.

הכלל איך קענן מעהר ניכט אזויא פיל שילדערן דעם חורבן. עס האט גענאממען עטליכע שעה, בייא אונס האט עס מיינט געוועזען יאהרען, ביז עס איזט שטיל געווארען. אונד מיר זעננען אלס געלעגען אונד געווארט דער מלאך המות זאלל מיט אונס שנעללער פארטיג ווערען.

ביז השי"ת האט אונזער תפילות געהערט אונד פלוצלינג האט זיך דיא טהיר געעפנעט אונד עס איזט אריינגעקאממען פאליציייא. מען האט זייא געזאגט דאס מיר זעננען דארטען בעהאלטען אונד זייא האבען פערלאנגט דאס מיר זאללען מיט זייא מיטגעהען. זייא וועללען אונס נעהמען אויף איין זיכערן פלאטץ. האבען מיר מורא געהאט צו געהען דען מיר האבען אלס געמיינט דאס זייא אלליין וועללען אונס שעכטען, ביז זייא איזט געלונגען אונס צו איבערצייגען דאס זייא מיינען אונזער טובה. געהען האט מען ניכט געקענט, האט מען געברענגט אטאמאבילען אונד בעוואכט מיט פאליצייא האט מען אונס געבראכט אין דער פאליצייא, אויף איין זיכערען ארט.

ערשט אין דער פאליצייא האט זיך אבגעשפיהלט דעם ריכטיגען טייוועלס טאנץ. דען דארטען האט מען צוזאממען געבראכט דאס יתר הפליטה, דיא וואס זעננען געבליעבען לעהבען. אונד געוועהנליך אין טוממעל האט איינער ניכט געוויסט פאן צווייטען, און דארטען אין דער פאליצייא האט יעדער געזעהען זיין פערלוסט. אונד איינער האט דען צווייטען דערצייהלט זייער אומגליק אונד וויעפיעל קרבנות עס זעננען געפאללען. איזט געוועזען דא איין ויצעקו, איין שרעקלעכעס געשרייע אונד וויינען אללע צוזאממען. דאס וואר שוין גאר ניכט עס איבערצושטעהן. השי"ת גיט קרעפטען עס

איבערצושטעהען, אבער עס וואר אונמענשליכעס. דריי פרויען זענען גלייך משוגע געווארען!

בקצור דריי טאגען מיט דריי נעכטען זענען מיר געוועזען אין דער פאליציייא, געלעגען אויף דער ערד אין שמוטץ, ניכט געגעסען, ניכט געשלאפפען, אונד צו הערען דאס געוויין און דאס קרעכצען דאצו, ביז השי"ת האט זיך דערבארימט אונד דיא פאליצייא האט אונס ווידערגעשיקט, קיין ירושלים. דארטען זענען מיר געוועזען צוויי מעת לעת אין נאטען שטרויס סאניטאריאום, אונד מיטוואך זענען מיר קיין תל אביב געקאממען.
איך שרייבע נאר אונזערע צרות. אונד דיא איבעריגע צרות פונען כלל ישראל האבע איך ניכט קיין קרעפטען מעהר צו שרייבען. דאס וועט איהר בוודאי ליינען אין דיא אמעריקאנער פעפירס. עס איזט אך אין וועה, נאר אללעס איזט מן השמים.
יעצט שרייבע איך אייך דען סך הכל פאן טבוחי חברון. קדושים זענען דא ביז היינט 63. דען ווארען מיר דאן נאך דארטען געוועזען האט מען אין איין קבר בעגראבען 58 -- 51 זכרים, 7 נקבות -- אונד ביז היינט זענען נאך צוגעקאממען 5 קדושים פאן דיא פערוואונדעטע. פערוואונדעטע זענען דא 49 שווערע, 17 לייכטע. ווער ווייסט וויעפיל קרבנות עס וירד נאך צוקאממען? דיא ישיבה האט ערליטעטען קרבנות 23 און 17 פערוואונדעטע. דארינטער זענען 8 אמעריקאנער באויעס טויטע, 14 פערוואונדעטע. געוואלד! עס איזט פערברענט געווארען 23 לעהבעדיקע ספרי תורות! הימעל, עפען זיך אונד נעם זיך שוין אן אונזערע נקמה!
אללע בתי מדרשים מיט דיא ספרי תורות מיט ספרים פערברענט, אללע חרוב געמאכט, אללע וואהנונג אויסגעראבירט. זייא האבען ניכט איבערגעלאזט קיין שטרויא.
מיר אלליין זענען געבליעבען נאקעט און בארוועס. מיר האבען גערעכנעט דארטען צו זיין איינינע מאנאט, האט מען אללעס מיטגענאממען. דיא מאמי

תחיה איזט ניכט געבליעבען נאר דאס איינע קלייד וואס זיא איזט געגאנגען אונד בייא מיר דעסגלייכען. אפילו טלית אינד תפילין האבען דייא צוגענאממען. ערב שבת האבע געגעבען בעהאלטען דאס געלד וואס איך האבע געבראכט, האט מען דאס געלד אויך צוגענאממען אונד דאצו היבש געלד.

אונד דאצו איזט דיא לאגע אין גאנצען לאנד זעהר שלעכט. קיינער צאהלט ניכט. איך האבע פיר עטליכע טויזענט דאללער וועקסלען. פארריגע וואכע וואר פעלליג פאר 750 דאללער וועקסלען אבער קיינער האט ניכט געצאהלט. ווער ווייסט וואס עס ווירד זיין ווייטער? מען זאלל חס וחלילה ניכט צוגרונט געהען! מען האלט דיא נשמה אין דער האנט. מען הערט כסדר דוא איזט שלעכט, דארטען איזט שלעכט. השי"ת זאל רחמנות האבען אונד העלפען דען כלל ישראל אונד אונס אויך מיר זאללען חאטש זיין געזונד אונד קעננען דיא צרות איבערטראגען. אונד וועגען דיא יודישע צרות גענוג! וועגען פאמיליען זאכען האבע ניכט קיין געדולד צו שרייבען דען עס ציטירט מיר דיא האנט.
נאר דאס איינע, מיינע ליעבע קינדערלאך שיחיו, פערלאנג איך פאן אייך, דען בריף צו בעהאלטען אויף דור דורות. יעדעס יאהר אין איין בעשטימטער צייט זאללט איהר אייך צוזאממען קאממען אללע צוזאממען אונד דאנקען אונד לויבען השי"ת דאס ער האט אייערע עלטערן מציל געוועזען פאן דעם גרויסען אומגליק אונד געבען פיעל צדקה יעדער איינער. דער נס וואר שבת פרשת עקב, 18 טאג, י"ח אב תרפ"ט, [24 אוגוסט 1929], חברון.
אביכם דו"ש [דורש שלומכם] הכותב בדמעה.

אהרון

[אהרן ראובן בערנצווייג ואשתו ברײנע (צוך) בערנצווייג]